בס"ד

שבת מברכים אייר | ר"ח יום שני ושלישי | המולד ליל שני 20:30 | 2 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שמיני
כ"ח ניסן תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:39 |
| מוצש"ק | 7:55 |
| ר"ת | 8:33 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:29 | סוז"ת א' 9:51 |
| סוזק"ש ב' 9:15 | סוז"ת ב' 10:22 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קל"א
שנה ג'

## טיב הפרשה

# זאת החיה אשר תאכלו

## די וויכטיגקייט פון זיך אפהיטן פון מאכלות אסורות

אין די וואכענדיגע סדרה לערנט מען וועגן מאכלות אסורות, די תוה"ק רעכענט אויס וועלכע חיה איז מותר צו עסן און וועלכע חיה טאר מען נישט עסן.

איך האב אינזינען געהאט אז טראץ וואס געווענליך בינדט מען נישט צו די וואכענדיגע סדרה צו די צייט פון יאר, אבער דאך טרעפט מען אז די צוויי האבן א שייכות.

ווען מ'מאכט א חשבון וועט מען זען אז אין א געווענליכע יאר וועט פאלן די פרשה פון שמיני א וואך נאך פסח אדער אין די וואכן ארום פסח.

איך האב געטראכט אז בדרך רמז קען זיין אז די צוויי זאכן האבן א שייכות. ביי כלל ישראל ווייסט מען אז אויך אזוינע וואס אגאנץ יאר זענען זיי מער מקיל ווען עס קומט צו עסנווארג און זענען נישט אזוי מקפיד אויף די כשרות פון דאס וואס גייט אריין אין מויל, זענען פסח יא מחמיר אויף דעם.

אויך אזוינע וואס זענען אגאנץ יאר מקפיד, וועלן פסח מקפיד זיין מער ווי א גאנץ יאר, ווי למשל אויב אגאנץ יאר וועט מען זיך מקיל זיין צו עסן פאבריק־עסן וועט מען פסח זיך אפהאלטן פון דעם.

די זעלבע איז אויך מיט אידן וואס זענען געוואוינט צו עסן אגאנץ יאר אינדרויסן פון שטוב, וועלן פסח זיך אפהאלטן און נישט עסן ביי יענעם אין שטוב נאר ביי זיך אין שטוב פון זיין אייגענער קאך.

עס קען זיין בדרך אפשר אז וועגן דעם האט זיך אזוי געפירט פון הימל אז די קריאה פון שמיני גייט גלייך נאך פסח. עס איז רמז פון הימל אז למעלה האט מען א נחת רוח פון די שמירה יתירה וואס א איד האט אין די וואכן, און מען וויל אז מען זאל ממשיך זיין מיט דעם ווייטער און ווייטער.

איך האב געטראכט אז עס קען גיין א שטאפל ווייטער. אין אונזערע קרייזן איז אנגענומען

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# הַכֹּל שָׁוִים לְפָנָיו

אינעם באוואוסטן 'בית יעקב' סידור, וואס איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך דער הייליגער יעב"ץ, רבינו יעקב עמדין, ווערט געברענגט (ביים סדר ערב פסח), אין נאמען פונעם ספר 'שבט יהודה', אן עדות פון א גוי וועלכער איז געווען דער רוימישער הערשער, אינדערצייט וואס ירושלים איז געווען אין איר פראכט, און דער בית המקדש איז געשטאנען, און ער שילדערט דארט וויאזוי עס איז צוגעגאנגען דער סדר פון די שחיטת הפסח. און צווישן אנדערע, ווערט דארט געשילדערט ווי פאלגנד: די אידן האבן א תקנה, אז ווען זיי גייען ארויס צו אט די עבודה, זאל קיין שום מענטש נישט זאגן צו זיין חבר 'רוק זיך ווייטער', אדער 'לאז אונז און מיר וועלן דורכגיין', אפילו אויב דער לעצטער איז זייער קעניג שלמה אדער דוד. האב איך געפרעגט די כהנים דערוועגן, וויבאלד דאס איז דאך נישט מִדֶּרֶךְ הַמּוּסָר, און זיי האבן מיר ערקלערט אז דאס איז כדי צו ווייזן אז אֵין גַּבְהוּת לִפְנֵי הַמָּקוֹם, אינדערצייט וואס מען טוט צוגרייטן זיין עבודה, און כל־שכן ממש אינדערצייט פון זיין עבודה, און אין יענע שעות איז כֻּלָּם שָׁוִים לְטוֹבָה, אלע זענען גלייך און איינִיג.

די פשוט'ע כוונה מיט אט דעם פירונג איז, צו ווייזן די גרויסקייט פון השי"ת, ווייל אויך אויב צווישן מענטשן ווערט דערקענט די מעלה פון איינעם איבער דעם אנדערן, פונדעסטוועגן אנטקעגן די גדלות פונעם אויבערשטן ווערט דער אונטערשייד גערעכנט ווי גארנישט.

אבער אין צוגאב דערצו קען מען זאגן, אז דאס קומט ווייזן פארן מענטש, אז וויפיל ער לעבט אויף דער וועלט, טוט זיין יעצטיגער מעלה איבערהויפט נישט באשטימען די ווארהייט פון זיין מעלה אין פארנט פונעם אויבערשטן, און דאס איז ווי א ווארענונג פאר איינער וועלכער איז דערהויבן מער ווי אנדערע, אז ער זאל אכטונג געבן וויפיל ער איז אויף דער וועלט, אז ער זאל נישט אראפפאלן פון זיין מדריגה, און דאס איז א התחזקות פאר איינער וועלכער איז אין גאר א נידעריגע מדריגה, אז ער האט נאך די מעגליכקייט זיך צו דערהייבן וויפיל ער איז נאך אויף דער וועלט, און ווערן אזוי ווי איינער פון די גאר גרויסע צדיקים.

אויך אין די פרשה פון די וואך זעען מיר א רמז דערצו. איבער מקריב זיין די חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים אינעם שְׁמִינִי לַמִּלּוּאִים שטייט אין די תורה 'וַיָּשִׂימוּ אֶת הַחֲלָבִים עַל הֶחָזוֹת וַיַּקְטֵר הַחֲלָבִים הַמִּזְבֵּחָה', און רש"י איז מפרש: לְאַחַר הַתְּנוּפָה נְתָנָן כֹּהֵן הַמֵּנִיף לְכֹהֵן אַחֵר לְהַקְטִירָם, נִמְצְאוּ הָעֶלְיוֹנִים לְמַטָּה.

און דער פשט פון זיינע ווערטער איז, אז אינדערצייט וואס מען הייבט עס אויף, קומט אויס אז די חלבים, די פעטנס, זענען אונטן, און דער חָזֶה, דער ברוסט, איז אויבן. און ווען דער כהן וואס הייבט עס אויף גיבט עס איבער פארן כהן וואס איז מקטיר, דרייט ער עס איבער און עס קומט אויס אז די חֲלָבִים זענען אויבן און דער חָזֶה איז אונטן.

און דער טעם פארוואס עס איז געטון געווארן אויף דעם אופן, זעט אויס אז דאס איז אויך כדי צו ווייזן אז אלע זענען גלייך און איינִיג פארן אויבערשטן, און אין פארנט פון אים איז נישטא קיין גרויסער און קיין קליינער. און אויב אין דער פארגאנגענהייט איז דער געווען גרויס און דער קליין, אבער וויפיל זיי לעבן אויף דער וועלט קען זיך דער זאך איבערדרייען, און דאס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר בעלי תשובה. (עפ"י טיב התורה – שמיני)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אז די שישי עליה איז א חשובע עליה און די עליה פון שישי איז די וואך ביי די זעלבע ארט וואו מען לייענט איבער די מאכלות אסורות.

דער עולה לתורה וועלכער איז געווענליכער א חשובער איד באקומט די קריאה פון דער 'ולא תטמאו בם' און ווי חז"ל דרש'נען אויף דעם [יומא דף לט] אל תקרי ונטמתם בם אלא 'ונטמטם' בם, א רמז אז די מאכלות אסורות זענען גורם א טימטום הלב פאר א מענטש.

די קריאה פון שישי איז סיי א רמז איבער די חשיבות פון די ענין, אבער אויך אז אפילו גדולי ישראל וועלכע זענען אויסגערופענע צדיקים דארפן זיין זהיר אין דעם ווייל אפילו ביי זיי קען עס שאדן.

עס איז ידוע די גמרא אין ברכות [כט ע"א] אז יוחנן כהן גדול איז ביי די אכציג יאר געווארן א צדוקי.

די מעשה איז א וואונדערליכע געשעעניש, מיר ווייסן אז ער האט זוכה געווען משמש צו זיין אסאך יארן בכהונה גדולה און זיכער איז ער געווען א צדיק נשגב, און ווי אזוי קען זיין אז שפעטער איז ער געווארן א צדוקי.

דער אר"י הק' זאגט דערויף א מורא'דיגע זאך, ער זאגט אז ער איז צוגעקומען צו דעם דורך וואס ער האט יונגערהייט געגעסן א דבר טמא און ער האט נישט מתקן געווען די פגם, און די פגם האט ממשיך געווען ביי אים און אים איבערגעדריידט לרע - ער זאל ווערן א צדוקי רח"ל.

דער הסבר דערצו איז ווייל ווען א מענטש עסט עפעס גייט די מאכל אריין אין אים און איז משפיע אויפ'ן מענטש, און אויב עס איז א דבר כשר און עס איז דא אין איר א גוטער כח דרייט עס איבער דעם מענטש לטובה, און אויב עס איז חלילה פארקערט לאזט עס איבער א שלעכטער כח, אזוי ווי עס איז געווען ביי יוחנן כהן גדול.

דאגעגן זעט מען די כח פון זיין נזהר אין מאכלים אז עס ברענגט קדושה פאר'ן מענטש ווי דער פסוק זאגט אין די פרשה [יא. מד] כי אני ה' אלהיכם, והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני, ולא תטמאו את נפשתיכם בכל השרץ הרמש על הארץ.

דער בורא כל העולמים זאגט אן פאר'ן איד אז ער זאל זיין הייליג ביים עסן ווייל אין די עסן ליגט די קדושה פון א איד, און אויב ער הייליגט זיך איז ער זוכה אז ער ווערט איינס מיט הקב"ה ווי דער פסוק זאגט 'והייתם קדושים כי קדוש אני'.

עס איז ידוע אז נישט נאר די מאכל וואס א מענטש עסט איז מקדש דעם מענטש, נאר אויך דער עצם עסן איז מקדש דעם מענטש, און אז א איד עסט ווי עס דארף צו זיין ווערט זיין טיש א מזבח און די שלחן איז מכפר ווי חז"ל זאגן (מנחות צז.): בזמן שבית המקדש קיים - מזבח מכפר על אדם ועכשיו שאין בית המקדש קיים - שולחנו של אדם מכפר עליו.

די דערמאנטע בחינות קומען דערוועקן אידישע קינדער אז מען זאל זיך פירן ביים עסן ווי עס דארף צו זיין און אויב מען וועט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין ביים עסן וועט מען זוכה זיין נתקדש צו ווערן בקדושה של מעלה און עולה זיין מעלה מעלה בקדושה ובטהרה.

## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# דער רבוש"ע שיקט פאר יעדן איינעם זיין פרנסה

מן השמים האט זיך אזוי געפירט אז מיין פרנסה פאדערט פון מיר אז איך זאל דארפן ארומפארן פון איין פלאץ צו די אנדערע. מיט די יארן האב איך זיך צוגעטראפן א יונגערמאן וואס פירט מיר ארום פון איין ארט צו די אנדערע.

דער דרייווער איז א שוואכער בעל פרנסה און איך זוך אים צו שטיצן ווי מער איך קען. דער סדר איז אז נישט אייביג האב איך געלט אויף מיר און מיט די יארן האבן מיר אויסגעשטעלט א מהלך אז יעדער סוף חודש געבט ער מיר א בילל וויפיל נסיעות ער האט געמאכט אינעם חודש און כ'צאל אים.

איין פרייטאג נאכמיטאג ווען איך האב געענדיגט א דזשאב האט ער מיר געבעטן צי איך קען אים געבן 300$ אויפ'ן חשבון. איך האב געוואוסט אז ער בעט נישט סתם אזוי און אז ער בעט איז א סימן אז ער איז זייער געדרוקט, אבער מיינע קעשענעס זענען געווען ליידיג.

איך האב אים זייער געוואלט העלפן און געטראכט וואו קען איך געבן א פארשאַף א קליינע הלוואה פון 300$ פאר אפאר טעג, אבער איך האב נישט געקענט אויפקומען מיט א געדאנק.

איך האב נאך געהאלטן אינמיטן שפעקולירן פון וואו צו שאפן א הלוואה ווען מיין אייניקל קומט מיר אקעגן.

"זיידע איך האב זיך אנגעזאמעלט געלט און איך זוך וואו עס אוועקצולייגן און איך וויל עס לייגן ביי דיר".

אויפ'ן ארט האט ער ארויסגענומען פון טאש 300$ און עס מיר דערלאנגט.

איך בין באגייסטערט פון די אפענע השגחה פרטית ווי אזוי הקב"ה פירט די וועלט און שטעלט אויס אזוי אז פונקט ווען כ'דארף עס האבן זאל איך האבן דאס געלט צו די האנט און קענען פארבארגן פאר אנדערע און מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים ביי אנדערע אידן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

אין **מדרש** ווערט געברענגט [הובא במנורת המאור פרק ב]: "וַיִּדֹּם אַהֲרֹן, בִּשְׂכַר עַנְוְתָנוּתוֹ שֶׁל אַהֲרֹן עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָכָה לְבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל **בִּרְכַּת כֹּהֲנִים**, שֶׁהֵם שִׁשִּׁים אוֹתִיּוֹת, כְּמִנְיַן **וַיִּדֹּם**".

דא ווערט ערקלערט דער שכר פארן שווייגן און מקבל זיין יסורים באהבה, אז דווקא דאס האט געברענגט א געוואלדיגע ברכה פאר כלל ישראל, צו געבענטשט ווערן מיט ברכת כהנים.

און אינעם ספר הקדוש **תפארת שלמה** (מועדים, שער התפילה) ווערט געברענגט ווי פאלגנד: "הַגּוֹמֵל חֲסָדִים טוֹבִים לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל. יֵשׁ לָדַעַת כֵּפֶל לָשׁוֹן 'חֲסָדִים טוֹבִים', וְכִי יֵשׁ חֲסָדִים שֶׁאֵינָם טוֹבִים".

"אַךְ הִנֵּה לִפְעָמִים הקב"ה שׁוֹלֵחַ גָּלוּת אוֹ יִסּוּרִים חָלִילָה עַל הָאָדָם, כְּדֵי לְהֵטִיבוֹ אַחַר כָּךְ שִׁבְעָתַיִם כָּהֵנָּה. אֲבָל הַחֲסָדִים הָאֵלֶּה אֵינָם נִגְלִים לִפְנֵי הָעוֹלָם, כִּי הַמְּדֻכָּא הַזֶּה צוֹעֵק מִכְּאֵב לִבּוֹ, וְרַק הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ לְבַדּוֹ הַיּוֹדֵעַ, כִּי רַבִּים רַחֲמָיו וַחֲסָדָיו לְהַשְׁפִּיעַ".

"וּלְכָךְ אָנוּ מְבַקְשִׁים שֶׁיִּגְמְלֵנוּ 'חֲסָדִים טוֹבִים' מִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם, בְּנִגְלֶה וּבְנִסְתָּר, שֶׁנּוּכַל לְקַבְּלָם, וְזֶהוּ שֶׁיִּהְיוּ טוֹבִים לְעֵינֵי עַמּוֹ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל".

"וְזֶה שֶׁאָמַר (תהלים ל, יב-יג): 'הָפַכְתָּ מִסְפְּדִי לְמָחוֹל לִי וכו' לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם'. כִּי לִפְעָמִים כְּשֶׁיַּעֲנִישׁ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָלִילָה, אַף הוּא לְטוֹבַת הָאָדָם, אַךְ צָרִיךְ לִידֹּם וּלְקַבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, כמ"ש (ויקרא י, ג) וַיִּדֹּם אַהֲרֹן. - אֲבָל אִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵטִיב לְעַמּוֹ, אָז 'יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד', וְלֹא נִצְטָרֵךְ לִידֹּם, אַךְ לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ".

• • •

שרייבט דער הייליגער **קדושת לוי** (ליקוטים לפרשת וישלח ד"ה מי לך בתוה"ד) וזה לשון קדשו: "הֲגַם שֶׁאָנוּ רוֹאִים כִּי יֵשׁ בְּיִשְׂרָאֵל גַּם כֵּן עֲשִׁירִים, אָמְנָם כָּל הָעֲשִׁירִים כּוּלָּם הֵם מְלֵאִים יָגוֹן וַאֲנָחָה, **כַּאֲשֶׁר אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ הָעַיִן**, וְאֵין לָהֶם עוֹלָם הַזֶּה וכו'".

און מיט זיינע הייליגע ווערטער "כַּאֲשֶׁר אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ הָעַיִן", איז די כוונה, לויט ווי עס איז אנגענומען, אז **הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע** פלעג אסאך מאל איבערזאגן אין זיינע הייליגע ווערטער, אז ווען עס קומען אריין צו אים די גרויסע עשירים און לאדענען אפ פון זיך זייער פעקל יסורים און מיטמאכענישן אין זיין הייליגן צימער, ווערט באוואוסט פאר אים אז זיי זענען פול מיט יָגוֹן וַאֲנָחָה, און אפילו קיין 'עולם הזה' האבן זיי נישט...

• • •

איינער פון אט די עשירים, א גביר אדיר, פון די רייכסטע מענטשן אין יענער צייט, איז אנגעקומען צום בית המדרש פונעם הייליגן צדיק אין **בארדיטשוב**. אריינקומענדיג בקודש פנימה, נאכן זיכערמאכן אז קיין מענטש אויסער דער רבי הערט זיינע ווערטער, האט ער אנגעהויבן ארויסלאדענען פון זיך זיין געוואלדיגער 'סוד'.

דער 'גביר' האט אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, און געזאגט: הייליגער רבי, איך בעט דיר העלף מיר ארויס! עס ווייסט יעצט קיינער אויף דער וועלט מיין סוד, אבער פארן רבי'ן בין איך געצוואונגען צו אנטפלעקן דעם אמת, אז נישט נאר האב איך זיך אראפגעקייקלט פון מיין גאנצן רייכטום, בין איך נאך געווארן א ריזיגער בעל-חוב! – דא האט ער אנגעהויבן אראפצולייגן אלע איינצלהייטן פון זיין שרעקליכן דורכפאל, ווי אלע זיינע געשעפטן זענען געגאנגען בארג אראפ, און וואו ער איז נאר געגאנגען האט ער געזען שטארקע הפסדים, ביז ער איז ארויסגעגאנגען נְקִי מִנְּכָסָיו! און נישט נאר איז אֵין לוֹ בָּהֶם הֲנָאָה שֶׁל כְּלוּם, איז ער נאך געבליבן מיט ריזיגע חובות, צוליב די פילע הלוואות וואס ער

# וַיִּדֹּם אַהֲרֹן

**"וַיִּדֹּם אַהֲרֹן" (י, ג)**

האט גענומען אין די לעצטע יארן, כדי צו פראבירן ראטעווען זיין רייכטום.

אין צוגאב צו דעם אלעם, זענען געזעצן ביי אים אינדערהיים עטליכע טעכטער וועלכע זענען שוין אנגעקומען צום פאסיגן צייט פאר 'בְּתוּלָה נִשֵּׂאת', אבער נישט נאר האט ער נישט אפילו קיין פרוטה אחת זיי חתונה צו מאכן, האט ער אויך זייער מורא געהאט אז אינעם נאנטן צוקונפט וועט באוואוסט ווערן זיין שאנד ברבים, און זייענדיג א 'נרדף' וועלכער אנטלויפט פון שטאט צו שטאט צוליב די וועלכע ער איז זיי שולדיג געלט, וועט ער דאך נישט קענען טרעפן קיין פאסיגן שידוך פאר זיינע געלונגענע טעכטער.

– אין די נאנטע צייט וועט זיכער באוואוסט ווערן מיין שווערן מצב, ווען איך וועל זיין געצוואונגען זיך אויסצורופן אלץ באנקראט, און גלייך וועלן פילע בעלי חובות מיר אנהייבן צו נאכיאגן, און איך וועל מוזן אנטלויפן פון איין ארט צום אנדערן בבושת פנים! און מיינע טעכטער וועלן חלילה בלייבן זיצן ביז זייערע האָר וועט ווייס ווערן – האט דער מענטש ביטערליך געוויינט.

דער הייליגער בארדיטשובער האט געלאזט דער איד אפלאדענען וואס ער האט געהאט אויפן הארץ, און נאכדעם וואס ער האט זיך אביסל בארואיגט, האט דער צדיק נאכאמאל געקוקט אויפן **קוויטל** וואס דער איד האט אים דערלאנגט, און פאר א שטיק צייט האט ער זיך פארזינקען אין זיינע הייליגע מחשבות.

פלוצלונג האט זיך דער רבי ערוועקט פון זיין דביקות, און זיך ווענדנדיג צו אים האט ער געזאגט: גיי צום ארט וואו מען פארקויפט **לאטערי צעטלעך**, און האנדל זיך איין אזא צעטל פאר דיר! און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן! – מיט אט די ווערטער האט זיך דער צדיק אפגעזעגנט פון אים אין פרידן.

דער חסיד – כדרכם של חסידים – האט געגלייבט בתמימות אין זיין הייליגן רבי'ן, ער האט שוין געוואוסט אז אויף די ווערטער פונעם רבי'ן טראכט מען נישט איבער. [אזוי ווי מען זאגט בדרך צחות: ווען דער רבי איז מבטיח א קינד, קען מען שוין גיין קויפן א וועגעלע...].

פונעם רבי'נס הייליגן וואוינונג, איז דער איד געגאנגען גלייך צום לאטערי טישל, און זיך געקויפט א 'לאטערי צעטל', און מיט האפענונג און בטחון אינעם אויבערשטן און אין די הייליגע צדיקים וועלכע דינען אים, איז ער זיך געגאנגען זיין וועג.

• • •

אזוי גייענדיג איז געווארן אוונט, און ער איז אריינגעגאנגען אין א גאסטהויז, זיך אפצורוען דארט ביינאכט, פון וואו ער וועט ווייטער פארזעצן אינדערפרי אין זיין וועג.

עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין סאך צייט, און צום קליינעם גאסטהויז איז אנגעקומען גאר א חשוב'ער 'פריץ', וועלכער איז דארט דורכגעפארן, און האט זיך אויך געוואלט אפרוען אינעם זעלבן פלאץ.

דער זעלבער שטאלצער פריץ האט זייער ליב געהאט לאטערי צעטלעך. קיין געלט האט אים נישט געפעלט... און ער האט גענומען

דער 'לאטערי' פאר א געשמאקע אונטערהאלטונג, ביי יעדן גורל וואס איז פארגעקומען האט ער זיך שנעל איינגעהאנדלט קארטלעך און פראבירט צו צוטרעפן די ריכטיגע נומערן... אויך יעצט האט ער געהאט ביי זיך אין קעשענע א לאטערי צעטל, וואס ער האט זיך איינגעהאנדלט אינעם זעלבן טאג, און עס האט געדארפט שפילן ביים נאנטן גורל.

ווען דער פריץ האט זיך געלייגט שלאפן דארט אינעם אכסניא, האט ער גע'חלומ'ט אז דארט אינעם אכסניא איז דא א איד, וועלכער האלט ביי זיך דעם געווינענדן לאטערי צעטל!

ער האט זיך אויפגעכאפט דערשראקענערהייט, און געטראכט צו זיך אז עס איז נאר א חלום, און מען דארף זיך נישט וויסנדיג מאכן דערפון, ווייבאלד דאס איז נאר צוליב זיינע געדאנקען וואס ער האט געטראכט בייטאג... און אזוי האט ער זיך בארואיגט און איז צוריקגעגאנגען שלאפן.

וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית, און ווידעראמאל שפילט זיך איבער דער זעלבער חלום, אז אינעם זעלבן גאסטהויז געפינט זיך יעצט א איד, וועלכער האלט ביי זיך דעם לאטערי קארטל וואס גייט געווינען ביים קומענדיגן גורל!

דערנאך וואס דער חלום האט זיך עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט, האט ער פריץ באשלאסן אז ער גייט דאס נאכגיין. ער האט גלייך אויפגעוועקט זיינע באדינער אינמיטן נאכט, און זיי באפוילן אז זיי זאלן זיך ארויסלאזן צווישן די צימערן פונעם גאסטהויז, און זען צי עס איז דארט דא א איד וועלכער האלט זיך דארט אויף, און אויב עס איז טאקע דא, זאל מען אים אויפוועקן, און שוין אריבערברענגען צו אים!

די באדינער האבן זיך גלייך ארויסגעלאזט אויפן באפעל פונעם פריץ, און אריבערגעלאפן פון איין צימער צום אנדערן, זוכנדיג אויב עס איז דארט דא א איד. ביז א קורצער צייט האבן זיי געפינען דעם אויבנדערמאנטער איד, וועלכער האט, ווי געזאגט, זיך דארט אויפגעהאלטן אין יענעם נאכט. די באדינער האבן אים ווילד אויפגעוועקט פון שלאף, און ער האט נישט געהאט קיין אנדער ברירה ווי צו קומען מיט זיי אינעם זעלבן מאמענט, צום חשוב'ן פריץ וועלכער האט געווארט אויף אים אין זיין צימער!

דער איד האט זיך נאכגעשלעפט נאך זיי, ציטערנדיג ביז די טיפעניש פון זיין הארץ, נישט פארשטייענדיג וואס דער פריץ וויל פון אים, און ער האט שוין אנגעהויבן צו טראכטן אז מעגליך האט זיך דער פריץ שוין דערוואוסט פון זיין שווערן מצב, און מעגליך יאגט ער אים נאך צוליב עפעס א 'חוב'... פילע פראגן האבן געעגבערט אין זיין מח, און ער האט געפרעגט די באדינער פונעם פריץ, וועלכע האבן אים אנגעהאלטן פוןביידע זייטן, מיט רעוואלווערס אין זייערע הענט! "וואס איז מיין זינד"? האט ער זיי געפרעגט. פארוואס שלעפט מען מיר אזוי אינמיטן נאכט? – אבער צו זיין באדויערן האבן די באדינער נישט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן, נאר אזויפיל האבן זיי אים געוואוסט צו זאגן, אז זיי האבן באקומען פונעם פריץ דעם באפעל לאים צו ברענגען פאר אים, און מער פון דעם ווייסן זיי גארנישט!

• • •

ווען דער איד איז אריינגעקומען צום פריץ, ווערנדיג אריינגעשלעפט אין צימער דורך די באדינער, איז שוין דער פריץ געזעצן אויף זיין שיינעם שטול און געווארט פאר אים. זעענדיג דעם איד אין פארנט פון אים, האט דער פריץ לייכט געשמייכלט און אים באגריסט. נאכן אויסטוישן צווישן זיך עטליכע ווערטער פאר העפליכקייט,

המשך אין עמוד ד' >|




>>> | טיב המעשיות | המשך פון עמוד ג' |

האט דער פריץ אים געפרעגט:

"ענטשולדיגט פארן פרעגן, מעגליך האלטסטו ביי דיר א '**לאטערי צעטל**' פארן נאנטן גורל"?

דער איד איז געווארן אנגעצויגן. דאס איז דאך דער קארטל וואס דער רבי האט אים נארוואס געהייסן קויפן... ער האט באהאלטן זיין באגייסטערונג, און מיט א תמימות'דיגע אויסדרוק אויף זיין געזיכט האט ער געזאגט צום פריץ:

"איך האב טאקע ביי מיר אזא צעטל! אבער פארוואס איז דער פריץ אינטערעסירט דערין? און וואס ברענט דאס יעצט אינמיטן נאכט? עס זענען דאך פארהאנען מיליאנען אזעלכע צעטלעך, וואס ווערן פארקויפט איבערן גאנצן לאנד, וואס האט דען דער פריץ געטראפן פונקט אין דעם צעטל"?

אויף די פראגן פונעם איד האט דער פריץ נישט צוגעשטעלט קיין ענטפערס, און זעלבסטפארשטענדליך אז ער האט אים גארנישט דערציילט איבערן מאדנעם חלום וואס האט זיך עטליכע מאל איבערגעשפילט ביי אים יענעם נאכט... ער איז נאר צוגעגאנגען גלייך צום פונקט!

לאמיר רעדן תכלית! האט ער געוואונקען צום איד – איך האב פון אייביג אן זייער ליב דעם לאטערי, און איך בין אלעמאל פארנומען דערמיט... אויך יעצט האב איך זיך פארשאפט אזא קארטל. לאמיר זיך יעצט אויפטוישן... דו וועסט מיר געבן דיין קארטל, און איך וועל דיר געבן מיין קארטל, און דערפאר וועל איך דיר צאלן **הונדערט רובל מזומן!** – דאס איז דאך דער פרייז פון עטליכע צענדליגער אזעלכע צעטלעך אינאיינעם! – האט דער פריץ אים פראבירט איבעררעדן. דער קארטל וואס דו האלטסט יעצט ביי דיר, איז דאך א גרויסער ספק צי עס איז עפעס ווערד... און מערסטנס שאנסן איז אז דו וועסט גארנישט האבן דערפון... און וואס איז דען דער אונטערשייד צווישן מיין צעטל און דיינס? – פון די אנדערע זייט בין איך דיר מציע הונדערט רובל דא אויפן ארט! און ווי עס זאגן די סוחרים: בעסער איין פויגל אין האנט ווי צוויי אויפן בוים!

דער איד האט זיך געמאכט ווי ער טראכט עס איבער פאר עטליכע מינוט, ער האט גוט געדענקט ווי דער רבי האט אים געוואונטשן הצלחה מיטן לאטערי, און דערנאך האט ער פעסט געענטפערט:

"מיין קארטל וואס איך האב געקויפט, בין איך אויף קיין שום פאל גרייט צו פארקויפן"!

- איך וועל דיר באצאלן דערפאר צוויי הונדערט רובל!

- ניין!

- פינף הונדערט!

- ניין און ניין!

- **טויזנט רובל!**

- בשום אופן ניין, ס'איז נישטא וואס צו רעדן!

ווי מער דער פריץ האט פראבירט צו הייבן דעם פרייז, אלץ מער איז דער איד געווארן פאר'עקשנ'ט, און דווקא דאס וואס דער פריץ האט אזוי שטארק געוואלט האבן זיין קארטל, האט אים געשטארקט צו טראכטן אז דווקא זיין קארטל גייט געווינען! אזוי אז ער האלט יעצט אין האנט אן אוצר וואס איז ווערד עטליכע מיליאנען! דעריבער איז ער נישט גרייט געווען עס צו פארקויפן בשום אופן!

אויך ווען דער פריץ האט פארגעשלאגן פינף טויזנט, און אפילו צען טויזנט רובל! האט דער איד קלאר געמאכט פארן פריץ, אז ער איז פעסט ביי זיך עס נישט צו פארקויפן אויף קיין שום פאל!

דאס וואס איז יעצט געשען איז געווען פונקט ווי דאס וואס מיר וואלטן געמיינט. ווען דער פריץ האט געזען ווי פאר'עקשנ'ט איז דער איד נישט צו פארקויפן זיין קארטל, האט עס ביי אים געשטארקט זיין חלום וואס ער האט זיך גע'חלומ'ט, און ער איז געווארן אלץ מער איבערצייגט אז דער איד איז דער גליקליכער געווינער פונעם לאטערי, און דעריבער האט ער באשלאסן אז ער מוז עס ארויסנעמען פון אים פאר יעדן פרייז!

ווען דער פריץ האט געזען ווי דער איד איז פאר'עקשנ'ט, איז ער געווארן זייער אין כעס, און ווי דער שטייגער פון שטאלצע פריצים וועלכע האבן קיינמאל נישט פארזוכט דעם טעם פון 'מוותר זיין', און האבן אלעמאל געמוזט אויספירן זייערע גלוסטענישן, האט ער באפוילן זיינע משרתים ארויסצונעמען דעם קארטל פונעם איד מיט געוואלד!

אין אנהייב האט זיך דער איד פראבירט קעגנצושטעלן, אבער נאכן כאפן עטליכע גוטע קלעפ פון די בארבארישע באדינער, האבן זיי צוגעכאפט פון אים זיין לאטערי צעטל, און אים צוגעווארפן דעם צעטל פונעם פריץ.

א שטיק צייט האט דער איד געקרעכצט פון די קלעפ און בזיונות וואס ער האט באקומען, וויינענדיג אויף זיין מצב. עס איז שוין לאנג טאג געווארן, און דער פריץ האט זיך שוין ארויסגעלאזט אין וועג, און דא זיצט דער איד צובראכן און צוקלאפט, זייענדיג אינגאנצן **פארצווייפלט!** נישט גענוג אז ער האט פארלוירן זיין גאנצן גרויסן פארמעגן, איז ער געווארן א גרויסער בעל חוב. און אויב דאס איז נישט גענוג, איז ווערנדיג געבענטשט מיט עשירות דורכן הייליגן בארדיטשובער רבי, האט מען דאס אויך ארויסגעשלעפט פון אים מיט געוואלד, אין צוגאב פון עטליכע גוטע קלעפ!!!

מיט גרויס ווייטאג און קלעמעניש, האט ער זיך קוים געשלעפט צום ארטיגן לאטערי טישל, ווי צו זיין גרויס שטוינונג האט ער אויסגעפינען אז דווקא דער קארטל וואס דער פריץ האט אים צוגעווארפן, האט געווינען אינעם גורל!

ער האט געווינען א ריזיגן פארמעגן וואס האט אים גלייך צוריקגעשטעלט אויף זיין פריערדיגן צושטאנד, גאנץ שנעל האט ער אנגעהויבן מצליח זיין אין זיינע געשעפטן, און איז נאך געווארן א פילפאכיגער עושר ווי פריער! ער האט זוכה געווען צו גרויס שפע און חתונה געמאכט זיינע טעכטער מיט גרויס כבוד און פראכט!

• • •

ווען ער איז צוריקגעקומען צום הייליגן צדיק אין בארדיטשוב אים צו באדאנקען פאר זיין ברכה, האט אים דער הייליגער רבי ערקלערט אז וויבאלד ער איז געווען זייער בעצבות און במרה שחורה צוליב זיין מצב, האט די ישועה געדארפט קומען דווקא אויף אזא פארקערטער אופן, פון מכות און יסורים רחמנא ליצלן!

**פון דעם לערנען מיר ארויס, אז צומאל איז דווקא דעם שווערן קלאפ וואס דער מענטש האט באקומען – דער שורש פון זיין געוואלדיגע ישועה און ברכה! וּמִי יַעֲמוֹד בְּסוֹד קְדוֹשִׁים.**

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173